# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:13
מוצאי שבת קודש............5:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................איוב א'
בבלי.........................זבחים צ"ז
ירושלמי...................נזיר ט"ז
תוספתא..............מקוואות א'
רמב"ם.....................עדות י"א


פרשת מקץ, שבת חנוכה, שבת ראש חודש, א' דראש חודש טבת, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 12 (730)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְכָל הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה לִשְׁבֹּר אֶל יוֹסֵף כִּי חָזַק הָרָעָב בְּכָל הָאָרֶץ**, דִי גַאנְצֶע לַאנְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף קוֹיפְן עֶסְן, וַוייל דִי הוּנְגֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. מֶען זֶעט אִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְ'ן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "**הוּא 'הַמַּשְׁבִּיר' לְכָל עַם הָאָרֶץ**", פַּארְוָואס רוּפְט עֶס דִי תּוֹרָה מִיט דֶעם לָשׁוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ זַאךְ, גֵייט דַאן אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אוֹיגְן אַן "אוֹר יָשָׁר", אַ שְׁטְרַאל פוּן זַיין אוֹיג צוּ דִי זַאךְ, אוּן דַאן קוּמְט צוּרִיק אַן "אוֹר חוֹזֵר", דִי בִּילְד פוּן דִי זַאךְ קוּמְט צוּרִיק צוּ זַיין אוֹיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם זֶעט עֶר עֶס. אֵיידֶער דִי זַאךְ וֶוערְט גֶעזֶען, הָאט עֶס נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, אוּן וֶוען דֶער אוֹיג זֶעט עֶס, בַּאקוּמְט עֶס אַ גְבוּל אוּן זְמַן; וָואס דִי זַאךְ אִיז, וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז, וֶוען דָאס אִיז, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אַז דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּטָחוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַלֶעמָאל אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז אַ זַאךְ וָואס עֶר דַארְף שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן, וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים עֶרְשְׁט אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר אַרוּם; וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶער בִּטָחוֹן, עֶר קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גְבוּל אוּן אַ זְמַן פַאר דִי הַשְׁפָּעָה, אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אִים אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה, ט"ו) "**עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ**", דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בִּטָחוֹן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר, "**וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ**", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן זַיין עֶסְן "בְּעִתּוֹ", אִין דִי צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

נָאךְ אַ סְגוּלָה זֶעט מֶען אִין דֶעם פָּסוּק, וַוייל דָאס וָוארְט "**יְשַׂבֵּרוּ**" קֶען מֶען אוֹיךְ לֵיינֶען מִיט אַ "שׁ", מִיט דִי פִּינְטְל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, "**יְשַׁבֵּרוּ**", וָואס מֵיינְט "צֶעבְּרֶעכְן", וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אִים צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס דָארְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "**אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת**", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער מַצְלִיחַ צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיינֶע אוֹיגְן, "**עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׁבֵּרוּ'**", עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי תַּאֲוָה פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דַאן "**וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ**", וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט. מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף בֵּיידֶע פְּשָׁטִים, אוֹיף הָאפְן אוּן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף צֶעבְּרֶעכְן, דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מְ'בַּאקוּמְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג זָאלְן מִיר קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאפְן צוּ אִים אַז עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דַאן וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיף רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן עֶסְן, אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מִיר דַארְפְן עֶס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי חֲנוּכָּה לִיכְטֶעלֶעךְ

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַי', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל אוּן שְׁטָאק פִּינְסְטֶער אִיז דָא אֵיין עֵצָה; אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, דָאס מַאכְט לִיכְטִיג. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, ח): "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי", אַז אִיךְ זִיץ אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַיין לִיכְט; אִיז דִי עֵצָה - חַזְרְ'ן דִי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַלֶעס אִיז פַאר אוּנְזֶער גוּטְס, פַאר אוּנְזֶער תִּיקוּן; אַזוֹי וֶוערְט לִיכְטִיג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַ רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס לָאזְן אוּנְז נִישְׁט פַאלְן, אַ רֶבִּי וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז אֱמוּנָה אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפַאלְן לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, מִיר לִיגְן בִּרְשׁוּת הָרַבִּים, בִּמְקוֹם הַקְלִיפּוֹת, בִּדְיוּטָא הַתַּחְתּוֹנָה, אַז מִיר נִידְרִיגֶע גֶעפַאלֶענֶע צֶעקְלַאפְּטֶע אוּן צֶעפְלִיקְטֶע – זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי נֵס חֲנוּכָּה, אוּנְז אוֹיסְצוּהֵיילְן אוּן אוּנְז מְתַקֵן זַיין. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אִידְן. שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

### וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיב עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן. וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן? אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵּז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו,
א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, חֲנוּכָּה אִיז דֶער עִיקָּר דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב), חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דוּרְכְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין - אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב; קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ פְרֵיילִיכֶע צַייטְן, מַאךְ זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן חֲנוּכָּה, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן מִצְוֹת.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן טַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אוּן מֶען טַייטְשְׁט זִיךְ אַלֵיינְס אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיךְ וִויל עֶנְק וַוייזְן וִוי זִיס דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז אִין הִימְל וֶוען מֶען זָאגְט דָאס מִיט אַ תְּמִימוּת, מֶען בֶּעט פַאר אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף; עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעזַאנְג, אֵיינֶער הָאט גֶעזִינְגֶען: "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים... הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, דֶער פָּרִיץ וִויל מִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן מַיין דִירָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר רֶענְט", אַ צְוֵוייטֶע זִיסֶע קוֹל זִינְגְט: "לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז מַיין קוּ זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן מִילְךְ, לֶעצְטְנְס קוּמְט נִישְׁט קַיין מִילְךְ"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי זִיסֶע קוֹלוֹת וָואס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִין הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים וִוי דָא, אִין הִימְל אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת".

גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אוּן בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר זֵיי.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע
## פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רלב)

**תשעז**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וָואלְט דֶער סֵפֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואלְט גֶעוָוארְן גַאנְץ אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר פוּן הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דָאס הֵייסְט צוּ מְבָרֵר זַיין בַּיי יֶעדְן דִין וִוי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט לַהֲלָכָה, אָדֶער אַרָאפְּצוּשְׁטֶעלְן וִוי וֶועלְכֶע פוּן דִי פּוֹסְקִים מֶען פַּסְקְ'נְט לְמַעֲשֶׂה בַּיי יֶעדְן דִין.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז צוּ מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים אִין גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, אִיז גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן. וֶוער עֶס וֵוייסְט דֶער וֶועג פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיז אִים דָאס זֵייעֶר גְרִינְג. מֶען דַארְף צוּ דֶעם גוּט קֶענֶען דִי שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִידוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן, דִי דְרַייצְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען דַרְשְׁ'נְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶער צוּ נֶעמֶען הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת אִין רוּחְנִיוּת, צוּ נֶעמֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ דֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵגָה, בַּעַל הַשָּׂגָה, מִיט אַ גָאר אַ גְרוֹיסֶע אוּן טִיפֶע שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד.

**תשעח**

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז יֶעצְט וֶוען זַיין הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָא אַן אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִויל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר, בִּיז מֶען זָאל עֶס שׁוֹין קֶענֶען אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייִנִיג, וַוייל דֶער סֵפֶר אִיז פוּל מִיט מוּסָר אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט גָארְנִישְׁט קַיין שִׁיעוּר".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים; אֵיינְס אַ שִׁיעוּר פָּשׁוּט, צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אַז מֶען זָאל עֶס גוּט קֶענֶען אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייִנִיג, אוּן אַ צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים מִיט גְרוֹיס עִיוּן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפְקֵייט דֶערִינֶען.

**תשעט**

דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דֶער בַּעַל דָבָר קֶען זֵייעֶר פַארְשְׁטֶעלְן דִי אוֹיגְן, אָבֶער זוּנְסְט [וֶוען נִישְׁט דֶעם] וָואלְט דֶער סֵפֶר מְחוּיָב גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

**תשפ**

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זָאל צֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועלְן זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אָבֶער אָן קַיין קִנְטוּר אוּן נִצָּחוֹן [נִישְׁט צוּ זוּכְן דַוְקָא עֶס אָפְּצוּפְרֶעגְן], נָאר עֶר וֶועט קוּקְן מִיט אַן אֱמֶת אִין דִי סְפָרִים, וֶועט עֶס אִים זִיכֶער אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", עֶס וֶועט אִים זִיכֶער עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶס וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי אָדֶערְן אוּן דִי הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען צוּ קוֹיפְן זַיין סֵפֶר, אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זָאל עֶר פַארְקוֹיפְן זַיין קוּשְׁן פוּן אוּנְטֶערְן קָאפּ צוּ קֶענֶען קוֹיפְן זַיין סֵפֶר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

<<<<<<

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר דִי נֵייעֶ הוֹיז?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן זִיךְ בָּרוּךְ ה' אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ נֵייעֶ דִירָה פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ טוּן אִין דִי נֵייעֶ הוֹיז.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ,
כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם זִיךְ פָאר, וֶוען מֶען קְלַאפְּט אִין טִיר פַאר צְדָקָה זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, גֶעבְּן צְדָקָה. אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן יֶענֶעם גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אוּן יֶענֶעם גֶעבְּן אַפָּאר וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ שָׁכֵן קְלַאפְּט אִין טִיר - זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען אוּן זֶען מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵשֶׁב תשפ"ו)

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

מֶען זֶעט אַמָאל אֵיינֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלִיסְן, עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ פוּן אִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז יֶענֶער אִיז זִיכֶער פוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע ל"ו צַדִיקִים.

דָאס אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט, עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען דָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט זָאגְן אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה מִיט אַזַא גֶערוּךְ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז יֶענֶער אִיז פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים, אִין דִי צַייט וָואס עֶר אַלֵיין טָאר אֲפִילוּ נִישְׁט זָאגְן אַ הֵיילִיג וָוארְט מִיט דִי קְלֵיידֶער?

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ס"ד)

# סֵפֶר הַמִדוֹת תּוֹכָחָה חֵלֶק שֵׁנִי

**א. מִי שֶׁאֵין בְּמַעֲלוֹת הַצַּדִּקוּת, וְגַם אֵין לוֹ זְכוּת אָבוֹת וְרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת בְּנֵי אָדָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִנִּסְיוֹנוֹת, וּבִפְרָט שֶׁלֹּא יִתְקַנְּאוּ בּוֹ הָרְשָׁעִים.** וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין זְכוּתִים פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶר וִויל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאל עֶר זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן נִסְיוֹנוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז רְשָׁעִים זָאלְן אִים נִישְׁט מְקַנֵא זַיין.

אַז זַיין סֵפֶר וֶועט זַיין זַייעֶר זַייעֶר חָשׁוּב אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען וֶועט עֶס נִישְׁטֶערְן אוּן זוּכְן זַיינֶע סְפָרִים, מֶען וֶועט זֵיי אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַסַאךְ מָאל, אוּן עֶס וֶועט זַיין זַייעֶר חָשׁוּב, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "אִיךְ וָואלְט נָאר גֶעגְלוּסְט דָאס צוּ זֶען, אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אוּן קוּקְן פוּן דִי זַייט אוּן זֶען וִוי מַיין סֵפֶר וֶוערְט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט מַיין סֵפֶר".

אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט, קַיין אֵיין וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז נִישְׁט פַארְפַאלְן גֶעגַאנְגֶען, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר אִיבֶּערְגֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן שׁוֹין צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג מָאל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּדְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, מִיט אַ נֵייעֶ פְּרַאכְטְפוּלֶע אוֹיפְלַאגֶע, גֶעדְרוּקְט אוֹיפְ׳ן שֶׁענְסְטְן פַארְנֶעם, מִיט הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע פַּאפִּיר אוּן פְּרֶעכְטִיג גֶעבִּינְדֶען, צוּם דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מַהֲדוּרָה, אִין יָאר תשל"ו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין עֶס אִיבֶּערְצוּדְרוּקְן נָאךְ אַסַאךְ מָאל, אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן, אִין לוֹיף פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ אוּן מַיינֶע שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. סֵיי וֶוער עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי לִיכְט אוּן שֵׁיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, זָאל זֶען צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין זַיין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַסְרְ׳ן אַ צְוֵוייטְן פוּן דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר (יְשַׁעְי׳ מ"ב, כ"א), וֶוער עֶס קֶען נָאר עֶס דְרוּקְן אוּן פַארְקוֹיפְן פַאר אַבִּיסְל בִּילִיגֶער, אַז עֶס זָאל קֶענֶען מֶער פַארְשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אוּן אָנְקוּמֶען אִיבֶּערָאל וואוּ אִידְן וואוֹינֶען נָאר, צוּ אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זָאל עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶער קֶען הָאבְּן דִי זְכִיָּ׳ עֶס צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּן הִימְל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# קינדער קלאפן מיט די פושקעס

אין די יעצטיגע פרייליכע און ליכטיגע חנוכה טעג, טוט זיך א געקלאפעכטס מיט די פושקעס דורך די טייערע תינוקות של בית רבן, וואס גייען ארום צוזאמנעמען צדקה, מען גייט אין די הייזער און אין די שולן, און זיי ווערן אויפגענומען מיט א ווארעמקייט דורך אנשי שלומינו, וואס ווארפן אריין אין די פושקעס, אדער קויפן א קארטל וואס מען קען אויסקראצן און אפשר געווינען, און געבן א גוטע געפיל פאר די קינדער פאר׳ן גיין אזוי שיין נאך צדקה.

עס קען טאקע אמאל נערוועז מאכן ווען אזויפיל קינדער קומען אויף איין מאל נאך צדקה און מען לאזט נישט נאך, פון די אנדערע זייט פארשטייט מען אבער די חשיבות דערפון, אז די קינדערלעך זאלן מחונך ווערן אויפ׳ן ריכטיגן אופן, אזוי ווי די הייליגע צדיקים האבן אונז געלערנט, זיך צוצוגעוואוינען צו גיין צוזאמנעמען פאר צדקה, און מען ווארפט אריין אביסל צדקה פאר יעדעס קינד, איינער מער און איינער ווייניגער, לויט וויפיל מען קען.

ווען דער הייליגער רבי האט גערעדט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן כ"ב) איבער די גרויסקייט פון א הייליגע קול מיט אן עזות דקדושה, האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן י"ז) אז די קולות פון די מטבעות ביים געבן צדקה איז אויך אן עזות דקדושה. און אזוי גייען טאקע די קינדער ארום מיט אן עזות דקדושה, מאכן קולות מיט די פושקעס, און דאס ברענגט אלע ישועות און אלעס גוטס.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר חנוכה א בריוו פאר׳ן מנהל פון תלמוד תורה, זיכער צו מאכן אז מען לערנט אויס די קינדער צו גיין נאך צדקה אום חנוכה, מען זאל זיי אנרייצן מיט גוטע מתנות וכדומה אז זיי זאלן האבן חשק צו גיין נאך געלט.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט, "איך וויל דיך דערמאנען מען זאל אנגרייטן פושקעס און אויסטיילן פאר יעדן קינד און אנרייצן די קינדער זאלן גיין נאך געלט, פאר צוויי סיבות, איינס זיי זאלן ברענגען צדקה פאר די מוסד, און והעיקר – זיי אויסלערנען צו גיין נאך געלט, אלע קינדער אן אויסנאם מוזן צוריק ברענגען א פושקע וכו׳".

אינעם בריוו איז דער ראש ישיבה שליט"א אויך מחזק אריינצולייגן א שטארקע אמונה אין די קינדערלעך, זיי זאלן לעבן מיט׳ן אייבערשטן, "קומענדיגע וואך זונטאג נאכט איז די הייליגע יום טוב חנוכה, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ראש השנה יח:), די יוונים האבן געוואלט אויסרייסן די אמונה, מען זאל נישט דערמאנען שם השם, און – כשגברו בית חשמונאים, האבן זיי מתקן געווען מען זאל שרייבן אויף יעדע שטר דעם אייבערשטנ׳ס נאמען; איז יעצט חנוכה א צייט צאמצונעמען אלע מלמדים און זיי מחזק זיין און זיי דערמאנען מען זאל אריינלייגן אין די קינדער אמונה ברורה וטהורה, אויסשרייען "מי לה׳ אלי", די קינדער זאלן לעבן מיטן אייבערשטן.

דערמאן די מלמדים וואס אונזער עיקר איז, און וואס די ציל איז, מען זאל נישט פארלירן און פארגעסן וואס מיר ווילן, נאר איין זאך: די קינדער זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט, גארנישט פאסירט פון זיך אליין, און וואס מען דארף און וואס מען וויל – דארף מען פון אים בעטן."


### סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה אהרן גינסבערג** הי"ו לאנדאן
צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב
***
מו"ה **יצחק וואקסבערגער** הי"ו בית שמש
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **הלל ווייס** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למזל טוב

### א פרייליכן חנוכה

שיעורים און דרשות, גמרא און הלכה, מעשיות און ניגונים, הדלקת נרות חנוכה, און נאך פיל, זיך צוצוגרייטן צו א פרייליכן חנוכה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 4**

### חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


< BreslevCenter.com >